
Michoel Schnitzler
מיכאל שניצלער
נשיכה פלאם
בס"ד
Naftali Schnitzler Presents:
Arranged By: Chesky Breuer


הרב זמיר
כהן
הרב דודי
פארקאש


KORG




**CALL US TOLL FREE** 1-855-PHCOFNY

**CORPORATE HEADQUARTERS**
1267 57th Street
Brooklyn, NY 11219
P: 718-841-8000
F: 718-841-8100

**MANHATTAN OFFICE**
1370 Broadway
New York, NY 10018
P: 212-444-9009
F: 212-388-6671

www.preferredhcny.com

Preferred
HOME CARE OF NEW YORK

*Your Preferred Choice for Home Care.*

# זמרו למלכינו זמרו

בשיר וקול תודה, לקל לבב חוקר אודה, שהחיינו וקימנו והגיענו, ועד הלום הביאני, וכמעשהו בראשון ובשני, וכן בשלישי וברביעי בקודש שזכינו, הנני מוציא לאור זה חלק חמישי מסדרת "נשמה פלאם" הנקרא בשם "יא, דו קענסט" - משולב בסיפורי צדיקים הקודמים אבותינו ואבות אבותינו, אשר מסוגלים לאבינו שבשמים לעורר את לבבינו, וגם ניגוני ודברי חיזוק לעורר את לבב אחינו בני ישראל בכל עת מצוא, ואיש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק חזק ונתחזק בחיזוק רב ובאמונה שלימה ובטחון בה'.

על כן שמחה גדולה היא לי להוציא לאור עולם הני מילי מעלייתא לכבד את ה' מגרוני ולשמח לבבות ישראל הן בסיפורי צדיקים המעוררים לבבות ישראל לאבינו שבשמים והן בדברי חיזוק למען יכנסו בלב השומעים כראוי וכיאות.

ותודה מיוחדת באתי בשער היכל הנגינ"ה להביע לכל אלט אשר עזרו וסייעו לי בכל עת, הן בדברי חיזוק לחזקני ולאמצני להוציא לאור עולם זה החלק, והן לאשר עמדו לימיני בכל ענין והעירו הערות חשובות, יהי חלקכם בין מזכי הרבים, לשמח לבבות ישראל בכל עת ועידן.

ובצאתי אפרוש כפי בתפלה, כה יתן ה' וכה יוסיף להשפיע שפע משמי מעל לנו ולכל בני ביתנו ולכל ישראל בכללות ובפרטיות לנצח נצחים.

החותם בתודה והוקרה
ובשמחה רבה מעמקי הנשמ"ה

מיכאל שניידער

# ברכות והודאות

כאן המקום להודות להני אומנים במלאכתם מלאכת הכתיבה אשר במיטב כשרונותם הולחנו וכתבו לי הניגונים, הרעיונות והמילים:

**פנחס מרדכי וועבער**

**ליפא שמעלצער**

**מרדכי (מאטי) אילאוויטש**

**יוסי גרין**

**אברהם יוסף שטעסל**

**ישראלי גרין**

**איצ'יק שווארץ**

**זאב בעכער**

**הערשל דייטש**

**שימי בלומענבערג**

**נפתלי הירצקא ראזענבערג**

נשמה פלאם

לעילוי **נשמת** אחיי היקרים
הבלתי נשכחים

הר"ר
**שלום**
ב"ר **משולם זושא** ע"ה
נלב"ע כ"ו כסליו תשע"ג לפ"ק

הר"ר
**יצחק יודא** (אייזיק)
ב"ר **משולם זושא** ע"ה
נלב"ע ז' ניסן תשע"ג לפ"ק

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים

# CREDIT *Notes*

## CREDITS

Produced by:
Naftali & Michoel Schnitzler

Music Arranged by:
Chesky Breuer

Production Manager:
Yanky Ketina, Gershy Moskowitz

Technical Assistance:
משה כהן, נחמן גלהרז, מוטי פרידמן, א״י

Adult and kids Choir:
Moshy Krausz, MK Studios

Music & Vocals Recorded at:
Schnitzler Studios, Brooklyn NY
Blue Rhythm Studios, Brooklyn NY
MK Studios, Monroe NY
Studio**71**

Mixed and Mastered by:
Larry Gates @ Gater Music
FairLawn NJ
Ilya Lishinsky (Track 3)

## CHOIR

Choir By:

MK MOSHY KRAUS Choir

Choir:
משה קרויס
אברהמי בערקוי
מאיר לאפלער
אלימלך זינגער
זושא פריעד
שמואל דוד אונגאר
אשר ראטה
אליעזר קיש
דן שטערן

Choir Arranged by:
Naftali Schnitzler

Choir Conducted by:
Moshy Kraus
Chilu Posen

## ORCHESTRA

Drums:
Avi Avidani, Barak Ben-Tzur

Guitars:
Nachman Dryer

Bass:
Arye Berkowitz

Brass:
Daniel Flam and Co.

Woodwinds:
Scott Kreitzer

Solo Violin:
Shimee Weitzhandler

Piano/Keyboards/synth/programming:
Chesky Breuer

Piano (track 11):
Mendy Hershkowitz

Strings (track 2):
Tzvi Blumenfeld

Arranged & Conducted by:
Chesky Breuer

Special Thanks
"From The Depth Of My Heart!"

**LIPA!**

Art Layout & Design:
Article Image
**845.738.1377**
info@articleimage.com

**מזל טוב!**
מיין גוטער ידיד
**נפתלי הירצקא ני״ו**
פאר דיין אינגעלע בעיבי למזל טוב

# THANK YOU *Notes*

## היכל הנגינה

www.iVelt.com

WWW.BHOL.CO.IL
WWW.CHASIDINEWS.COM
WWW.COLLIVE.COM
WWW.DOSMUSIC.CO.IL
WWW.GRUNTIG.NET
WWW.JEWISHHITS.COM
24 HOURS FREE TOP JEWISH MUSIC
WWW.JEWISHINSIGHTS.COM
WWW.JEWISHMUSICPLUS.BLOGSPOT.COM
WWW.JEWISHMUSICREPORT.COM
WWW.KIKAR.NET
WWW.MAHNISHMAH.COM
WWW.SHLAGER.NET
WWW.THECOOLJEW.COM
WWW.THEYESHIVAWORLD.COM
WWW.TOPJEWISHMUSIC.COM
WWW.VOSIZNEIAS.COM
WWW.YIDEOTUBE.COM
WWW.YIDLIVE.COM
WWW.ZINGMIT.COM

### And Finally:

To all Jewish music singers, writers and composers

יהי רצון כאילו הייתי פורטם.

## SPECIAL THANKS:

### מיין גוטער ברודער...

**יחזקאל שרגא שטיין**

### Radio Casters:

Yossi Zweig - The Z Report, Nachum Segal, Zev Brenner, Country Yossi, The Cool Jew, Shlomy Kugel, מנחם טוקר

ראדיו קול חי - יוסי גיל,
דוד קליגר (תם גאנץ), יוסי איזנטל

### My Voice Teacher:

החזן נתן גליק

### מיינע געטרייע פריינט, די חשוב'ע זינגערס

בנימין (יאמי) לעווי, בערי וועבער, בצלאל (צאלי) גאלד, וועלווי פעלדמאן, יואל פריינד, יואלי גרינפעלד, יואלי פאלאטשעק, יואלי פאלקאוויטש, יושע בערקא, יחזקאל לעווי, ישראלי ווערדיגער, לוי יצחק פאלקאוויטש, מנחם מאשקאוויטש, משה אייזנבערג, נחמי' בראד, שאולי וואלדנער, שלמה דאסקאל, שלמה טויסיג, שמילי אונגאר, שמעון ענגל

### אחרון אחרון חביב

מיין חשוב'ע ווייב שרה אסתר תחי'

מיינע טייערע קינדערלעך און אייניקלעך
אשר חנני ה', כל אחד בשמו הטוב יבורך

**חביריי וידידיי היקרים שהיו לי לעזר בכל פרט ופרט ביצירת האלבום:**

ישיבה תפארת עטרת בחורים ד'טשאבע - והמגיד, מיילער (פאטשעיק), אלי' וואלהענדלער, יחיאל פאזען (המזמרים), חיים יוסף שטיינבערגער, משה ווייס ומשפחתו (London), שמילי מאשקאוויטש (W-81) ושותפו מאיר לאקס (W-306), יואל שווארץ, דובי טעססלער, מרדכי יודא שווארץ, תומר כהן, הערשי רובינשטיין (די וואך), יוסף רובינשטיין (א"י), ארי גראס, שמעלקא פאפער (סי-געיט), דוד יושע פארקאש ומשפחתו, הרב שמחה סקאלער שליט"א - חי לייפליין, הרב יוחי בריסקמאן וכל הלוצק'ער מתפללים, מיכל גרינצווייג, דער חבר פון אידישע מוזיקאנטן און זינגערס: הב' יואלי שווארץ, מאיר שפיטצער.

Yossi Tepper (Video Maven), Yeedle, Yossi Tyberg, Moishe Horowitz, Shia Mendlowitz, Danny Finkelman and Mauricio Arenas, My Brother Chananya (Yumtee), My Dear Brother-in-law Menachem Feldman, Yossi Rubin, Yishai Hecht, Ari Klein, Moshe Schwartz, Bentzi Herbst - MS Optical, Yankel and Dovy Berkowits, Moshy Kestenbaum, Yoely Brach, Sam Stern, Motty Jecobowitz, Raffi (the king) Zittman, And to all my friends and fans worldwide.

**ישלם הקב"ה כגמולכם הטוב**
**ויזכו לרוב נחת ושמחה כל ימי חייהם**

A Special Thank You:

## AVRUMY ZUPNIK

For playing such an amazing role in this production!

My Dear Nephew

## NAFTULI MOISHE

What a beautiful talent!

The All Talented

## CHESKY BREUER

What An Amazing Job!

**לחן:** פנחס מרדכי וועבער • **סיפור:** פנחס מרדכי וועבער • **חרוזים:** פנחס מרדכי וועבער

# חמשה קולות

# 1



*כל כל הנהנה*
*מסעודת חתן*
*ואינו משמחו*
*משמח זיין ער איז נישט ביכולת*
*עובר בחמשה קולות*

*כל כל הנהנה*
*מסעודת חתן*
*ומשמחו*
*זאגט צו אונזער בורא*
*זוכה זוכה לתורה*

אין די שפעטע נאכט שעה'ן
קלאפט ער אן ביים סטייפלער גאון
אוי רבי איך האב א שאלה
בענין חתן וכלה
ילמדנו רבינו

פון א חתונה יעצט קום איך
אויסרעדן דאס הארץ איך מוז מיך
ס'איז מיר א אפקומעניש
רבי אויב בשמחה איז מען נישט
וואס טוט מען רבי ענני

יעדער טאנצט ווער דען נישט
ישמח לבב אנוש
אבער איך גארנישט קען נישט
נישט טאנצן זינגען
עס מאכט מיר תמיד בייז

מיינע מחשבות טוט גובר זיין
איך זאל נישט גיין צו שמחות,
צייט קובר זיין
איך וויל נישט מער עובר זיין
אויף די גמרא ברכות ו' עמוד ב'

***כל כל הנהנה מסעודת חתן***
***ואינו משמחו***
***משמח זיין איז נישט ביכולת***
***עובר בחמשה קולות***

***כל כל הנהנה מסעודת חתן***
***ומשמחו***
***זאגט צו אונזער בורא***
***זוכה זוכה לתורה***

מיין ליבער יוד הער אויס שיין
נאר אויף שמחות זאלסטו גיין
אפילו האסט קיין איין חוש נישט
דיינע טרערן וויש נישט
איך האב פאר דיר אן עצה א זיסע

שטעל דיך אפ לעבן די מוזיק
און אויפ'ן פויקער געב א קוק
ווען מען קוקט ווערט זיין חשק גרעסער
און ער נעמט זיך פויקען בעסער
ס'איז בדוק ומנוסה

שטיי און קוק מיט כוונה
בראי' בעלמא קנה
ווייל איינער שרייט איינער זינגט
איינער טאנצט און איינער שפרינגט
איינער אויף דעם מוזיק באטראכט ער

מיט בדחנות איינער דערפרייט
איינער שפילט אויף זיין טרומפייט
ובלבד שלבו יכוין
און מען טוט די שמחה פראוון
און די חתן כלה פרייליך מאכט ער

שפיל נאר אויף דיין פידעלע
איי איי איי
טאנץ נאך א רקידה'לע
איי איי איי
ועסטו זוכה זיין יודעלע
צו די הבטחות פון די הייליגע גמרא

מיט חתן כלה פריי דיך אזוי
אוי אוי אוי
נגילה ונשמחה בו
אוי אוי אוי
ואם ואם משמחו
מה מה שכרו

***כל כל הנהנה מסעודת חתן***
***ואינו משמחו***
***משמח זיין ער איז נישט ביכולת***
***עובר בחמשה קולות***

***כל כל הנהנה מסעודת חתן***
***ומשמחו***
***זאגט צו אונזער בורא,***
***זוכה זוכה לתורה***

מצהלות חתנים מחופתן
באלד קומט שוין אן דער גרויסער חתן
מיט'ן שור הבור און לויתן
כנסת ישראל כלה קרואה

די לוים מיט זייער לידעלעך
שטייען שוין מיט די פידעלעך
גרייטס אייך גרייטס אייך אידעלעך
די גרויסע שמחה איז שוין דא

***כל כל הנהנה מסעודת חתן***
***אוי משמחו***
***זאגט צו אונזער בורא***
***זוכה זוכה לתורה***

***כל כל הנהנה מסעודת חתן***
***אוי משמחו***
***זאגט צו אונזער בורא***
***זוכה זוכה לתורה***

***תורה, לשנה הבא!***




**לחן:** פנחס מרדכי וועבער • **סיפור:** הרב יוסף יצחק יאקאבזאהן • **חרוזים:** פנחס מרדכי וועבער

Harmony: **פנחס מרדכי וועבער**

אין שפיטאל ליגט ער נעבעך א קליין שעפעלע
ווער ווייסט צו איך וועל דורכמאכן
דעם היינטיגן טאג, דעי אפילו
אזויפיל יאר פאר'צער'ט, אויף א נייע ניר איך ווארט
ישעי'לע מיין חבר דו ביסט דאך מיין איינציגסטע פאר

מיין טייערע חבר איך געב דיר אוועק מיין ניר
איך האב דאך צוויי איינס וועל איך געבן פאר דיר
טאקע דערפאר
ווייל איך קען שוין נישט צוקוקן דיין צער
ווי די פעלסט שוין פון חדר אזויפיל יאר

מארגן מחר יהי' האות הזה
איך קען שוין קוים ווארטן אויף מארגן, דעם גליקליכן טאג דעי
פלוצלינג מארגן קומט ער מיט לויפעניש
איך קען דיר נישט געבן קיין ניר בשום אופן נישט
מיין טאטע לאזט נישט, איך בעט דיר זיי מיר מוחל

דער טאטע לויפט צו ישעי'לעס שטוב,
דעם אטעם קוים ער כאפט
ער קלאפט, מען עפנט,
מיט כעס ווערט די טיר שנעל פארקלאפט

אזוי פאסירט א צווייטע מאל א דריטע מאל
ער קלאפט קיינער עפנט שוין ניטאמאל
א צובראכענע טאטע שרייט ער מיט זיין לעצטן כוח'ל

האב רחמנות אויף מיר
פארקלאפ נישט אויף מיר דיין טיר
מיין איינציגסטע האפ פאר מיין קינד,
איז דיין ישעי'לעס ניר

מיין שפעלע וויינט אן א שיעור
מיין צובראכן הארץ שפיר
איך וויל נאך לעבן ער בעט זיך ביי דיר

די טיר עפנט זיך אויף באלד
דו מיינסט איך דערקען נישט דיין געמיינעם געשטאלט
נתן פון ווארשע דער קאפאו דער רשע ביסטו געווען

אוועק געריסן מיין קינד מיט געוויין
ווען דער דאַטש האט געזאגט,
אלע קינדער צו בלאָק נומבער איין
איך האב מיך געבעטן צו דיר לאז מיך אים באהאלטן,
זייט דעמאלטס האב איך אים נישט געזעהן

***אוי ווי האסטו געטראגן מיין אברהמ'לע***
***מיין טייערע נשמה'לע***
***מיין איינציגסטע נחמה'לע***
ווילסט נאך מיין קינד זאל ראטעווען דיין,
ניין ניין איך אַסר

***אוי, וואו איז מיין אברהמ'לע***
***מיין טייערע נשמה'לע***
***מיין איינציגסטע נחמה'לע***
אוי געוואלד, נתן הערט, ער חלש'ט,
ער ענטפערט א דערשראקענער א בלאסער

ער הייבט אן צו רעדן מיט הארץ קלאפעניש
איך בין נתן אבער קיין שלעכטער קאפאו נישט
הער מיך אויס וואס האט דארט פאסירט
איך האב דיין אברהמ'לע נישט אוועק געפירט
איך האב רחמנות געהאט איך בין דאך אויך א איד

שטילערהייט בלא יודעים
באהאלטן האב איך אים אויפ'ן בוידעם
געטראגן יעדן טאג מיין שטיקעלע ברויט
איינגעשטעלט מיין לעבן געראטעוועט פון א זיכערן טויט
ווי אן אייגן קינד האב איך אויף אים געהיט

פאריבער די מלחמה אים געראטעוועט
געזוכט אפשר צוריק קומען זיין טאטע וועט
געזוכט און געזוכט קיינער קומט נישט אהיים
זיכער געגאנגען אויף קידוש השם
פאר דעם מ'זוכט און גארנישט מען געפינט

ווי אן אייגן קינד אים ערצויגן
ווי דאס פינטעלע פון מיינע אויגן
יעצט פארשטייסטו שוין אחר הדברים האלה
פארוואס די איינציגסטע ניר וואס פאָרט,
איז פון דיין ישעי'לע
ווייל ער איז דאך זיין ברודער,
דאס איז דאך דיין פארלוירן קינד

***געוואלד! דאס איז דאך גאר מיין אברהמ'לע***
***מיין פארלוירענע נשמהל'ע***
***דורך געלעבט די מלחמה'לע***
איך וויל דיך שוין זעהן,
קען דען זיין דו ביסט געבליבן לעבן

***ישעי'לע דיין ברודער אברהמ'לע***
***אזא טייערע נשמה'לע***
***ער ווארט אויף דיין נחמה'לע***
קום נאר מיין קינד דיין ברודער'ל א ניר געבן.

ברודערלער פון איין טאטן זענען מיר
קיין גלייכן קיין פּאָר נישט טרעפן קענען מיר
אין גלות פון טאטן פארלוירן
מיר קלאפן אויף דיינע טויערן
מאך אויף די טיר,
שוין אזויפיל הייסע טרערן לאזט מען

מיין קינד מיין איינציגסטע פאר ביסטו
איך זעה דיין חסד יעדן טאג טוסטו
פאר א צווייטן איד ווערסטו אויסגיין
מיט חסד פון גלות ווערסטו ארויסגיין
אין זכות פון אברהם אבינו בך חותמין

אידעלע נאר שפעקוליר
דיין ברודערלס הארץ שפיר
פארמאך נישט קיינמאל אויף קיינעם דיין טיר
געב און געב אן א שיעור
ווייל ווען די מיינסט דו געסט פאר מיר
געדענק אז וואס דו טוסט טוסטו נאר פאר דיר

אפילו עס זעהט נישט אויס אזוי פיין
עס טוט פון דיר א טרערעלע גיין
ס'איז זיכער לטובה ברודער'ל וויין נישט וויין
דו קענסט נישט אלעס פארשטיין
עס וועט נאך זיין אזוי שיין
מיט דיינע אויגן ווערסטו נאך זעהן אליין

***אין זכות פון אונזער טאט'ן אברהם***
***הנה ימים באים,***
***מה טוב ומה נעים***
***בשבת אחים דערלעבן די הייליגע רגעים***

***אין זכות פון אונזער טאט'ן אברהם***
***הנה ימים באים,***
***מה טוב ומה נעים***
***ברוך אתה ה' מגן אברהם***

# יום טוב אינדערוואכן

# 3

***ותתן לנו ה׳ אלקינו באהבה***
***מועדים לשמחה***
***חגים וזמנים לששון***

היינט איז יו"ט אינדערוואכן
אלע השפעות האט מען אונז פארשפראכן
די פארשפארטע טויערן זענען אויפגעבראכן
ווייל היינט איז יו"ט אינדערוואכן

***ותתן לנו ה׳ אלקינו באהבה***
***מועדים לשמחה***
***חגים וזמנים לששון***



**Choir by:** Hamizamrim
**Conducted by:** Chilu Posen
**Mixed by:** Ilya Lishinsky
@ Artsonic studios

**לחן:** ליפא שמעלצער • **מילים:** ליפא שמעלצער

יא דו קענסט...

# "YES YOU CAN"

Rely on us when it comes to...

| **Pricing** | **Honesty** | **Service** | **Responsibility** |



DRIVEWAY LEASING



## 718.813.3000

Upstate NY: 845.459.2886

www.**drivewayleasing**.com

**E: sales@drivewayleasing.com**

Follow us on twitter **@drivewayleasing**
Like us on FB: **fb.com/drivewayleasing**

**1701-62nd Street Brooklyn, NY 11204**



Another satisfied customer...

**לחן:** מאטי אילאוויטש • **נושא:** מאטי אילאוויטש • **חרוזים:** מאטי אילאוויטש

# 4

# יא, דו קענסט!



...איבערגיין דעם שווערן בארג,
טאמער וויל מען קען מען...

דער מצב איז ביטער שווער און אויפגעבן נעבער מוזטו
דו האלטסט אז ס'איז נישטא מער קיין שום טשענס נישט
נישט קיין חילוק וויאזוי דו קוקסט אויס,
אדער אין וועלכע מצב ביסטו
איז נישטא אזא זאך אז דו קענסט נישט.

מען גיט פאר קיינעם מער וויפיל ער קען פארנעמען
דו האסט די כוחות, יא! דו קענסט עס באוויזן
איבערגיין דעם שווערן בארג טאמער וויל מען קען מען
ווייל ווילן איז פיל שטערקער ווי אייזן.

נישטא קיין זאך אויף דער וועלט וואס קען דיך אפשטעלן
אין לך דבר העומד בפני הרצון
דו קענסט אלעס דורכברעכן, דארפסט נאר וועלן
הייב נאר אן וועסטו שפירן שטערקער שוין

***דו קענסט דו קענסט, איך זאג דיר אז דו קענסט***
***אפילו ס'איז שווער און דו ווייסט***
***דו קענסט דו קענסט, איך זאג דיר אז דו קענסט***
***ווייל דו ביסט סך שטערקער ווי דו מיינסט.***

***דו קענסט דו קענסט, דו ווייסט אז דו קענסט***
***פון יעדן שווערן קלעם זיך זעהן ארויס***
***דו קענסט, יא דו קענסט, דו ווייסט אליין דו קענסט***
***שטארק דיין הארץ און שריי נאר הויך אויס***

***איך ווייס אז איך קען!***

מענטשן אן הענט און פיס פירן א לעבן א רייכן
שוואכע קעפ זענען פוסקים היינט, און עשירים מיט גאלד
פיל סוקסעספולע מענטשן,
האט מען געמיינט אז זיי קענען נישט דערגרייכן
זיי האבן טאקע נישט געקענט, אבער געוואלט.

אפילו ס'איז א שווערע קאמף, זיי דו א שווערע קעמפער
קוק נישט אויף יענעם קיין עצות פון קיינעם פרעג
לאז דיך נישט פון גארנישט, נעם נישט ניין פאר אן ענטפער
ווייל וואו ס'איז דא א ווילן איז דא א וועג.

נישטא קיין זאך אויף דער וועלט וואס קען דיר מאכן שטייטער
אין לך דבר העומד בפני הרצון
קענסט אנקומען העכער ווי יעדן, אסאך אסאך ווייטער
הייב נאר אן וועסט דיך שפירן שטערקער שוין

***דו קענסט דו קענסט, איך זאג דיר אז דו קענסט***
***אפילו ס'איז שווער און דו ווייסט***
***דו קענסט דו קענסט, איך זאג דיר אז דו קענסט***
***ווייל דו ביסט סך שטערקער ווי דו מיינסט.***

***דו קענסט דו קענסט, דו ווייסט אז דו קענסט***
***פון יעדן שווערן קלעם זיך זעהן ארויס***
***דו קענסט, דו קענסט, דו ווייסט אליין דו קענסט***
***שטארק דיין הארץ און שריי נאר הויך אויס***

***איך ווייס אז איך קען!***

***יא, דו קענסט!***
***דארפסט נאר וועלן און דו קענסט! וויל נאר וועסטו קענען!***
***וויל נאר שטארק און דו קענסט!***




**לחן:** ליפא שמעלצער • **סיפור:** ליפא שמעלצער • **חרוזים:** ליפא שמעלצער

Child Harmony: **נכדי שימעלע וויינבערגער**

מענדי מענדי מענדי
געמיר דיין בייק כ'וועל דיר קויפן א קענדי
סענדי סענדי סענדי
געב מיר א רייד כ'על דיר קויפן א קענדי

יענק'ל! שרייט אויס צבי
קויף מיר אויך, בעט איך דיר
א קינדער לויפן צו
מיט יענק'ל צום גראסערי

ווייל די קינדער שפילן אויף די גאס
איינער שמייכלט איינער האַס
איינעם גייט די שפיל גאר גוט
דער דריטער יעדעס מאל ער איז "איט"

יענקל'ס בייק ס'פעלט א רעדל
ער האט אבער פון טאטנ'ס לעדל
א שפילצייג א מטבע געטראפן
מען קען פון דעם בעסער נישט האפן

און דער געשעפטסמאן איז זיך מחי'
גענומען האט ער די מטבע
דערהערט די קינדער'ס געשרייען
און געגעבן נאשערייען

נאך צוגעלייגט פיל בחנם
און געזעהן ווי די מיילער רינען
אלעס מיט א שיינעם דאנק'ל
פאר זייער חבר יענק'ל

מענדי מענדי מענדי
נעם מיין בייק פאר די גוטע קענדי
סענדי סענדי סענדי
דא האסטו א רייד פאר די קענדי

יענקל שרייט אויס צבי
כ'האב געקויפט פון אלעם, פשי!
מיט א שכח לייגט יעדער צו
פאר'ן אונז נעמען צום גראסערי

יענקל'ס טאטע צוויי טאג שפעטער
קוקט ארום זיין שאדן זעהט ער
אז דער מטבע איז נישט דא
ער ווערט רויט ווייס און בלוי

און ווען דער אינגל הערט זיין שטימע
ווי זיין טאטע קוקט מיט בייזע ברומען
זאגט ער מיט א קול א דינעם
איך האב עס בטעות גענומען...

טאטי... ווייל מענדי מענדי מענדי
האט פאר זיין בייק מיר געגעבן א קענדי
סענדי סענדי סענדי
האט מיר געגעבן א רייד פאר די קענדי

דער טאטע זעהט ס'איז צרות
עס טויג מיר אויף כפרות
מיינע קינדער וויסן איר זאלט
דער מטבע איז געווען פון גאלד

איך בין נישט קיין טאטע א רייכן
דאך בעל בתי'ש וויל איך חתונה מאכן
האב איך געהאט בדעה
נאר פון די איין מטבע

יענקל וויינט גאר ביטער
טאטע, בעטן טוט ער
קום מיט מיר צום גראסערי לויפן
די מטבע צוריק אפקויפן

***אה, יחזקאל וואס מאכסטו, ווייסטו, דיין זון איז געווען דא היינט ביי מיר, ער איז געווען מיר אלע קינדער, ער האט נאר געהאט צוויי קאפיקעס, איך האב אים געגעבן נאך מער קענדי'ס, כ'האב רחמנות געהאט אויף אים....***

***כ'האב געזאוסט אויפן גנב ברענט דאס היטל, געב מיר שוין צוריק מיין גאלדענע רענדל! ווייל אז נישט ביסטו שופך דם!***

***איך? שופך דם? רענדל? וואס? דו קענסט איבערדרייען די רעכענער, דא האסטו די שליסל פון מיין אפיס, איך בין קיינעם נישט שולדיג אפילו קיין פרוטה!***

***די שטאט דרייט זיך איבער...***

די מעשה פארט ארום ביים ציבור
יעדער האט א גאנצן חיבור
מ'הערט די געשיכטע מיט צויבער
דער געשעפטסמאן איז א רויבער

יעדער לייגט צו פעפער
און אלעס מיינט מען דעם באשפער
יעדע רגע קומט עפעס צו
קיינער קויפט מער נישט אין דעם גראסערי

מ'שטייט שוין ביי דין תורה
דער געשעפטסמאן ווי א מצורע
נאך פארשידענע ריידעס
דאס קינד קומט זאגן עדות

מ'דארף נישט נאך א רייע
איך האב אים געגעבן די מטבע
בית דין טוט אפמאלען
די גראסערי מוז אלעס באצאלן

מ'האט פארמאכט דעם העפטל
פארקויפט דעם גאנץ געשעפטל
זיך געגעסן פארשעמט זיין נאמען
דער געשעפטסמאן ר' אברהמ'ען

ווען יעדער האט בארעדט
ס'האט אים נעבעך אפגעקאסט א גט
ער פאקט זיך זעק און פעק
און פון די שטאט ער מופט אוועק

אין מיטן וועג מיט די געפאק
גייט אויס מיט א הארץ אטאק
קוים צען מענטשן א חברי'
געווען ביי די לווי'

שטיל שבעה מ'איז געזעסן
און פון די מעשה האט מען פארגעסן

אבער אויף יענער וועלט איז עס געבליבן
ווייל דארט ווערט אלעס פארשריבן

יארן שפעטער,
א בריוול זעהט ער
פון א איד פון ירושלים

געמאכט א שלעכטן נאמען
פאר דיר און אברהמ'ען
וואס איז שוין אין שמים

כ'בין ארום די וועלט
געגאנגען נאך געלט
געקליבן פרוטה נאך פרוטה

ביז ביי דיין קינד א מטבע
האט מיר געווען מחי'
אזא ישועה א גוטע

איך האב אים געזאגט קינד מיינס
געב מיר די מטבע דיינס
איך וועל דיר געבן פאר דעם צוויי
שוין! געבט דאס קינד א געשריי

און אזוי האט ער געטון
דיין געטרייער זון
יונגערהייט פון שרעק און ווייי
פארגעסן פון דעם איינס צוויי דריי

שפעטער איך האב געהערט
די וועלט האט זיך איבערגעקערט
מיט די נייעס די פרישע
פון אברהם מיט זיין בושה

און איך האב מיר געשעמט
אינעווייניג גאר שטארק פארקלעמט
איך בין נישט געשטארבן
אברהם איז געבליבן א קרבן

געזאגט האט דאן א גאון
נישטא יעצט מער וואס צו טאן
דער ירושלמי דער ארימאן
איז נעבעך שווער אויך דן צו זיין

און אוודאי אויך נישט דער טאטע
געווען צוריסן ווי א שמאטע
געהערט די עדות פונעם קינד
אבער א קליין קינד איז ריין פון זינד

און זיכער נישט דער גראסערי מאן
וואס איז אין פעקעלע בחנם אריין
וואס דער דין תורה האט געטון
אלעס גע'פסק'נט נאר לויט'ן דין

***איז ווער איז יא שולדיג? ווער?***

אלע העלפערס גאר העפליך
געקומען ווי גרויסע קאך לעפלעך
קאכן העלפן און מישן
אויף בענק און אויף טישן

מענדי, סענדי, הענדי
פון היינט מאל אן ווען דו
הערסט א מעשה פאָרנעם דיר
זיי שטיל כאטש עס ברענט דיר

וועסטו אויף דער וועלט
און אויף יענער וועלט
אויך קריגן א קענדי'..

# 6 ראקעפעלער



**לחן:** אברהם יוסף שטעסל • **סיפור:** מענדל מייער (MENDEL MEYERS STUDIOS) • **חרוזים:** הערשל דייטש

שוין וואכן מאנאטן
אזאלכע שווערע צייטן
א שווערע וואלקן פיל מיט דאגות

יעדער קען דעם סוד
אלעס איז באנקראט
פון האבן געלט געווארען א שוויג איז

ער טראכט נאר פון זיין ביזנעס
אריין וויזוי ער איז אין עס
אזויפיל געלטער האב איך געשארט

און יעצט קוים פארדינט ער
אלעס פאלט שוין אונטער
נישט קיין קעש נישט קיין קרעדיט קארד

ער שפירט ער האלט עס מער נישט אויס
פון זיין אפיס ער גייט ארויס
אנגעזעצט מיט א גרויסן בארג
ער זעצט זיך אוועק אין "סענטרעל פארק"

פון זיין ביזנעס ער קלערט
אלעס ליגט טיף אין דער ערד

אזויליידיג פון געלט מיין טאש איז
מיט א גרויסע שטוב אזויפיל נפשות

ס'בלאזט אין פנים א ווינט א קאלטער
קומט צו גיין א גוי אן אלטער
אנטשולדיג איך פרעג, איך קען אייך נישט
איך זעה איר האט עפעס א מיטמאכעניש

דער ביזנעסמאן פארציילט אים גלייך
אמאל בין געווען גאר רייך
אבער לעצטנס אלעס איך פארליר
ס'גייט מיר גארנישט וואס איך פראביר

דער גוי עפנט זיין זעקל
ער געט אים גלייך א טשעקל
נאר איין זאך פונעם סוחר ער בעהט שוין

קום צוריק נאך א יאר
פארצייל מיר קלאר
אויב הצלחה אין די ביזנעס דו זעהסט שוין

די סוחר אפגעזונדערט
בלייבט שטיין פארוואונדערט
קוקען וויפיל געלט טאקע שנעלער

א האלבע מיליאן
"ווער איז דער פערזאן"
דער גרעסטער עושר ראקעפעלער!

די אויגן פאר שמחה גלייך אויפמאכט'ער
ער בלייבט שטיין קוקן ווי א פארטראכטער
צום גרעסטן עושר פון ניו יארק
האב איך גערעדט פריער אן קיין זארג

פון שמחה זיין מח רוישט
אזא טשעק וואלט איך נישט געטוישט
באקומען יעצט א כח א פעסטער
צו ווערן נאכאמאל א גרויסער אינוועסטער

געדרייט און געשפרינגען מיט גרויסע געלטער
זיין שווערע ארבעט נישט אפשטעלט ער
נאר געטראכט ווי ס'דרייט זיך דאס רעדל
די גרויסע טשעקל ליגט דאך אין לעדל

וואס דארף איך מיך זארגן מער
איך בין דאך באלד א מיליאנער
זיין הצלחה האט אויפגעשיינט
נאך שענער ווי ער האט געפלאנט

ס'איז דורך זומער ווינטער
דער סוחר יאגט זיך אונטער
דערציילן ראקעפעלער גאר שטארק

מיט שמחה שטראלט ער
דעם זעלבן טשעקל האלט ער
ער זוכט אים אין סענטערעל פארק

ער טרעפט אים אויף די וועגן
ער קומט אים אקעגן
מיט זיין קינד ער כאפט א שפאציר

דער סוחר זאגט אים גלייך
איך בין דיר שולדיג אסאך
וועגן דיר בין איך געווארן א גביר

מיט א פנים א בלאסע
פארציילט די גאנצע מעשה
דו האסט מיך געהויבן פון מיין שרעק

מיינע צרות פארטריבן
נאר צו זעהן געשריבן
דיין נאמען ראקעפעלער אויפ'ן טשעק

דער קינד הייבט אן צו לאכן
אזאלכע מאדנע זאכן
שוין נאכאמאל די נארישע קוועלער

מיין טאטע מאכט שפאס
ער איז שוין לאנג נישט ביים דעת
ער רעדט איין מענטשן ער איז ראקעפעלער

דער סוחר טראגט אפ גלייך פון שטח
די גאנצע מעשה שוין ער זעהט דאך
נישט ראקעפעלער נישט קיין טשעקל
האט אים געהאלפן אפילו א ברעקל

אבער אלע פאנאטאזיעס
א גוטע באוויז זי איז
קיין דאגות נישט געהאט ניין ניין
ווייל ער האט א טשעקל א גוטן רוקן ביין

יודעלע וועק דיך אויף פון דרימל
מיר האבן א גרויסע טאטן אין הימל
די שטערקסטע אנלאנער יעדע מינוט
אזויפיל חסדים פאר אונז ער טוט

אלע דאגות ווארף אוועק
דו האסט דאך דעם בעסטן טשעק
נאר מיט שמחה טאנץ אזוי
ווייל אין עוד מלבדו

***אין עוד מלבדו!***



**לחן:** מאטי אילאוויטש • **סיפור:** הרב דודי פארקאש • **חרוזים:** מאטי אילאוויטש

# ז

# דאס לעצטע דוכנ'ען


Sponsored By:

FR

Farkash - Rosinger
And Associates

David Farkash
Financial Representative

Tel 718 437 0500
Fax 718 437 0900
Direct 718 974 0119
Email farkashgroup@gmail.com

"Helping Protect your future well being"

געקומען איז ער אויף יום טוב צו זיין זוהן
דער רב צייגט אים א פלאץ, ער זעצט זיך אהין
איינגעבויגן מיט זיין מחזור'ל דעם קליינעם
א איד ער איז שוין פון די זקנים
א שטילער און איידעלער, אינעם דאווענען אריינגעטון

ביי מוסף ותערב דער עולם זאגט מיט געפיל
דער כהן מאכט די ברכה, אלעס ארום איז שטיל
אבער ווי נאר ער הייבט אן דעם דוכן
דער אלטער איד הייבט זיך אויף איינגיכן
מיט א צובראכן געוויין ער לויפט ארויס פון שול.

ביים קידוש דער רב קומט צו, איך וויל אייך פרעגן אפן
פארוואס זענט איר ביים דוכנ'ען פון שול ארויסגעלאפן
זאגט מיר וואס דאס מיינט, פארוואס האט איר געוויינט
רבי כ'וועל אייך מסביר זיין
געוועז איז דאס אין בערגן בעלזן, איך בין געווען נאך קליין.

אין בונקער געפראוועט א סדר,
דער רשע האט געהערט דערפון
דער עלטסטער פון אונז גענומען,
ליידן שטארק וועט ער דערפון

באצאלן וועסטו, מארגן אינדערפרי
וועט מען יעדן צאמנעמען דא
און דיר וועט מען הענגען - חייך תלויים לך

דאס בילד פון יענעם טאג,
וועט קיינמאל נישט ווערן פארשווינדן
דעם אלטן איד מ'שלעפט,
און איבערן האלדז דעם שטריק ארומגעבינדן

געקייטעלט הענט און פיס מיט אויגן אדורכגענעצטע
ער בעט ביים דייטש,
גיב מיך כאטש די וואונטשט מיין לעצטע.

א כהן בין איך און דוכנ'ען וועל איך שוין מער קיינמאל
ס'איז יו"ט אינדערפרי, איך בעט דיך לאמיך נאך די איינמאל

איך געב דיר צוויי מינוט, זאגט אים דער רשע מיט גאוה
און עס קלינגט אפ א לברך את עמו ישראל באהבה.

***יברכך ה' וישמרך***
***יאר ה' פניו אליך ויחונך***
***ישא ה' פניו אליך***
***וישם לך שלום***

אפילו חרב חדה מונחת על צווארו
נישט פארגעסן פונעם מחיה מתים במאמרו
זיין תפקיד אלקי, תברכו את בני
בענטשן כלל ישראל
אזא הייליגער דוכנ'ען,
וועט די וועלט שוין נישט הערן נאכאמאל

שטענדיג ווען מען האלט אין שול ביי ברכת כהנים
כדי זיך צו דערמאנען דאס בילד, די תנועה זיינעם
לויף איך אין א זייט
איך זינג צו מיר פריוואט
די תנועות ווי ער האט עס געזאגט
ווייל איך וויל עס נישט פארגעסן ביז מיין לעצטן טאג

יארן פארוואגעלט פארווארפן איבעראל
די וועלט פארשמירט מיט בלוט פון כלל ישראל
כי היינו לעג וקלס, והעיר האלקים מושפלת
אבער אויפגעגעבן האבן מיר קיינמאל

געבליבן זענען מיר קליינע הייפעלעך
די גבורה די אמונה איז אומבאגרייפלעך
מיטן שטריק ארום דעם האלדז
שטרעבן מיר נאכאלץ
צו דיר אלקינו
ווייל אונז זעמיר דיין פאלק ואתה מלכנו

די חכמי העולם דעם איד באטראכטן זיי טוען אים
צושטויסן, צובלוטיגט אבער דאך פעסטע מאמינים
מיטן לעצטן טראפן בלוט, בעטן דיך מ'טוט
לברך את עמו ישראל
ווייז אונז שוין דיין אהבה איינמאל פאר אלעמאל

***יברכך ה'*** טאטע טו אונז שוין בענטשן
מיר זענען דיינע שאף, דיינע קינדער, דיינע מענטשן
***יאר ה'*** טו שוין דיין פנים אויפלייכטן
גענוג שוין מיט די מלחמות די שווערע שלאכטן

***ישא ה'*** הייב שוין אויף דיין כבוד
הרחמן הוא, יקום לנו, את סוכת דוד
ישועות נחמות היום ובכל יום,
***וישם לך שלום***

מיין קינד דיין געוויין איך הער און איך שפיר
קוק אריין טיף, וועסטו זעהן איך בין אין דיר
הער צו וואס איך זאג, בקרוב קומט דער טאג
וואס זעהן אליין וועסטו שוין
ותחזינה עינינו בשובך לציון

אויף אלע שטעגעלעך
פיל פערד און וועגעגלעך
פארן אויף שבת קודש צום רבינ'ס אכסניא

אָרים און פארמעגליך
קומען אן טעגליך
צום הייליגן רבי'ן, דער בעל התניא

א זמן א צוגעפאסענע
דער רבי מאכט חתונה
יעדער טוט זיך מיט א לעכטיג אור רישן

דער מחותן נישט אבי ווער
דער הייליגער בארדיטשוב'ער
א חתונה א זעלטענע א היסטארישן

פון זונטיג ביז פרייטיג
עולם הזה מ'באזייטיגט
מען פארט צום צדיק
צום רבי'ן אין הויף

שנעל דעם פערדל טרייב עס
פארשטייט זיך אז מ'בלייבט ביז
דעם הייליגן שבת,
יום שכולו טוב

א ריקוד א טענצעלע,
א גלעזעלע לחיים
יעדער דאס רענצעלע,
שלעפט זיך מיט ביי אים

מ'זינגט בשיר ורננים,
קיינער אויסגעשלאסן
א שמחה אויפ'ן פנים,
אויף יעדן אויסגעגאסן

פון קראקא פון ווארשא,
ס'קומט א קבוצה'לע
ר' מענדל ר' הארשע,
ר' שמואל און ר' איצעלע
א תורה אויף די פרשה, א מליצה'לע
א חסיד'ישע שמועס'עלע

***לקראת שבת, לכו ונלכה***
***יעדער איינער מיט געפילן פרייליכע***
***בואו ונצא לקראת כלה***
***שבת מלכתא***



# 8 ס'איז געווען גוט

**לחן:** איצ'יק שווארץ - זאב בעכער
**סיפור:** משולם פייש הארוויץ • **חרוזים:** נפתלי הירצקא ראזענבערג

אין רבינ'ס הויז,
מ'טוט גלאנצן און ביגעלען
אויך אינעם קלויז,
טוט שיינען און שפיגעלען
פון אויוון ארויס,
צוויי קוגעלען
געשעפט וואסער אין די קריגעלען

די רביצין ווייסט,
געדענקט נאך פון פריער
די משרתת זי הייסט,
פארשפארן די טיר
די געסט וואס קומען פון אלע עקן פיר
נישט נעמען קיין מאכלים פון איר

פרייטאג צונאכט
די חתונה קומט פאר
וצדיקים ישמחו יעלצו

מ'ווערט נישט אפגעשוואכט
ס'איז לילה כיום יאיר
צו שלאפן גיין קיינער נישט זיך איילט צו

צדיקים יראו, א לעכטיגע צורה
אויף די פיסעלער קוים שוין מ'שטייט

שוין פארטאגס פירע, די גאנצע חבורה
צום רבינ'ס דאווענען מ'מאכט זיך גרייט

איין חבריא קדישא, מיט כוחות פרישע
זיי קלערן לאמיר דאווענען אות ביי אות

אין מקוה א טבילה, כאפן זמן תפילה
און מ'וועט דאווענען ביים עלות

נאכ'ן דאווענען זיי ווילן
דעם הונגער אפצושטילן
פראווענען א קידוש
זאגן א דבר חידוש

א הערינג א מאטיאש
א לעקאך צו א קוכן
זיי זענען נישט מייאש
זיי טוען ווייטער זוכן

דער חסיד ר' שמואל מונקעס
ארייגעקראכן פלינק איז
דורכ'ן פענסטער
ער טרעפט א גרויסן קוגל

די פרייליכע יונגעלייט
הנאה געהאט
ווען חסידים פרייען זיך צו פרנסה מסוגל

די רביצין שפעטער,
קומט אריין איך קאך
אויפ'ן ארט זעט איר געפערליכע בראך

מיט טרערן זי לויפט אריין
צום רבי'נס שטיבל
ר' שמואל צו דין תורה מוז קומען

רבי זי שרייט, געפלאגט אנגעגרייט
געוואשן געזייט, ס'קיין קלייניגקייט
מיט כוונות געשניטן,
די קארטאפל די צוויבל
די חסידים האבן אלעס צוגענומען

דער רבי לאזט רופן
דעם חסיד דעם טיפן
ר' שמואל וואס איז שטענדיג,
פרייליך בגילופין

הער מיך צו, ער זאגט איר
איך פארשטיי וואס פלאגט דיר
נאר שבת ווייסט לכאורה
מ'פירט נישט קיין דין תורה

נישט פארגעסן האט זי
צוריק געקומען מוצאי
ר' שמואל קומט אויך
צוריק צום רבינ'ס דירה

זיין שמייכעלע ער האלט אן
און ער רופט זיך באלד אן
די רביצין זאל אנהייבן, מיט די טענות אירע

מיט געוויין זי קלאגט
איך האב מיך געפלאגט
געארבעט אזוי שווער,
לכבוד שבת שלום

און איידער ס'האט געטאגט
אלס וואס כ'האב פארמאגט
די חסידים צוגענומען די מאכלים

ר' שמואל
ער זיצט דארט אין די זייט שטיל
דער רבי פרעגט אים,
צו זאגן עפעס ער וויל

שמואל
דאס ווארט יעצט אינגאנצן דיין איז
לייג מיר פאר דיינע טענות

ער זאגט אויפן מינוט
*איך האב קיין טיינע ניט*
ס'איז געווען גוט
געהאט אפעטיט
רבי, איך האב קיין טיינע, ניין
די קוגל איז גוט געווען!

דער רבי געט א שמייכל,
מיט זיין הייליגן בליק
ר' שמואל האט דעם שכל,
א געדאנק גאר בליציג
אין רבי'נס היכל,
די שמחה איז צוריק
געווארן פרייליך און לוסטיג

דער הייליגער רבי,
זאגט אויף דעם תורה
שטעלט זיך א גרויסע קשיא לכאורה

שבת צופרי
א איד נעמט זיך די מי
מיט א ברען צום סידור'ל גייט צו

ער געט א געשריי
נשמת כל חי
מיט ביידע הענט אין די הייעך

ער פילט זיך געראטן
פלוצלינג קומט דער שטן
אין הימל פרעגט ער ווי איז דאס שייך

ווי קען ער דאווענען
נאך אזא וואך פראווענען
ס'איז דאך נישט געווען אזוי צום גוטן

יעצט שבת וואס מיינט ער
ביים דאווענען וויינט ער
ער שטעלט זיך אהער,
ווי א גאנצע מחותן

ענטפערט אויף דעם,
דער הייליגער בורא
שבת איז נישט קיין זמן פאר דין תורה

דער באשעפער,
דעם שטן אין די זייט ער ריקט
לאזט אים נישט זיין מקטרג

זונטאג קומט ער ווידער,
מיט טענות נאך און נאך
קוק וויאזוי ס'איז געווען די גאנצע וואך

צו א דין תורה, איך רוף אים צום בית דין
דעם איד פרעגט מען,
וואס איז דיין טענה געווען

דער איד טוט אויפשיינען
צום באשעפער ער זאגט
איך טו גארנישט טענה'ן
ס'איז געווען גוט!

דער נשמת איי, ס'האט דאך אלע טעמ'ן
מ'איז מסכים מיט אים צוזאמען

ווייל א איד סיי אין וועלכע מצב
דער בורא האט אים ליב מתחלה ועד סוף
ס'איז דאך נישט דא קיין שאץ אויף
א קרעכץ וואס איז אמת ויציב

אלע אינאיינעם,
ברודערלער צוזאם
נישט אויסלאזן קיינעם,
אן קיין אויסנאם
מיט אזויפיל טעם
די נשמה פלאם
שבת אחים גם

***לקראת שבת לכו ונלכה***
***מיר גרייטן זיך מיט געפילן פרייליכע***
***ליום שכולו שבת שבת מלכתא***
***בירושלים הבנוי'***




**לחן ונושא:** אברהם יוסף שטעסל • **חרוזים:** אברהם יוסף שטעסל - הב׳ לייבי מאשקאוויטש

צו א פרישן טאג
אינגאנצן ניי
איך שטיי אזוי פארקלערט

צו מצליח זיין
איך גיי
אדער חלילה פארקערט

מודה אני
גלייך צופרי
איך זאג שמע ישראל

ה' אחד,
איין גאט
איבעראל

נאך א לאנגן טאג
ביינאכט אין בעט
אדורך גאר אסאך

געהאפט אז בעסער זיין עס וועט
און נישט אזוי שוואך

איך טו אויסרופן
פון הארצן טיפן
און איך זאג שמע ישראל

ה' אחד
איין גאט
איז איבעראל

טאטע דו טוסט אונז נאר גוט
דאס וייסן גרויס און קליין
סייעתא דשמיא אויף יעדן טריט און שריט
איך בין קיינמאל נישט אליין

קיין חילוק ווען
אין די שווערסטע זמנים
ווען עס קומט אונטער נסיונות

ווייס איך ס'איז פאר מיין טובה
דו האסט דאך דיינע חשבונות

מיין בטחון וואס איך האב אין דיר
טוט שטענדיג פלאמען

איך פארלאז מיך אויף דיר
דו ביסט שטענדיג מיט מיר
אני מאמין

***שמע ישראל ה' אחד***
***די הענט אויף מיינע אויגן לייגעך***
***אפילו איך זעה נישט***
***און איך פארשטיי נישט***
***דאך גלייב איך***

טאטע
דו האסט אונז ליב
פאר דיר מ'געפעלט
געעפנט פאר אונז דיין שטוב
פאר אונז געבויט דיין וועלט

בחר בנו מכל העמים
דו ביסט דער מלך משבוח ומפואר
פאר אונז געמאכט אזויפיל ניסים בכל דור ודור

צו אונזערע תפלות דו בענקסט
מיט אזא גלוסטעניש
אונז שטענדיג דו געדענקסט
אפילו מיר זעהען נישט

אליך ה' אקרא ואל ה' אתחנן
אזא טאטע
אין די גאנצע וועלט נישט פארהאנען

ווען דו זאגסט בכוונה שמע ישראל
יעדעס ווארט מילי במילי
ס'איז כאילו קיים כל התורה כולה

מ'פאראייניגט זיך מיט'ן באשעפער
ווען מ'זאגט ה' אחד

א חלק אלקי ממעל
ווייזט מען מיט דעם אז מ'האט

מיין נאנטשאפט פון מיר צו דיר
קען קיינמאל נישט ווערן צוריסן
ס'האבן שוין אזויפיל פרובירט
אבער קיינער האט דאס נישט באוויזן

***ווייל נאכ'ן זאגן שמע ישראל***
***די הענט אראפ לייגעך***
***ס'ווערט ליכטיג, אזוי וועט זיין***
***דאס גלייב איך***

**לחן:** יוסי גרין • **נושא:** שימי בלומענבערג • **חרוזים:** שימי בלומענבערג

# 10



# דער געלעכטער אמפער

א וואסער טרעגער גאר אן אלטער
קוואל וואסער טוט ער שעפן
די עמערס אויף די פלייצע האלט ער
אין שטאט עס אריין שלעפן

איין עמער האט אבער א שפאלט
וואסער טוט ארויס רינען
די אנדערע עמער עס האלט
פול מיט וואסער דערינען

א פאר יאר טוט ער אזוי טראגן
איין עמער טוט נאר האלב פארמאגן
זיין חבר קומט אן פול,
ווי אים אויך זיין ער וויל
ער קען עס שוין נישט איבערטראגן

איין טאג ער וויינט צום בעל הבית
פארוואס קומט מיר זיך דאס
פאררעכט מיינע שפאלטן,
איך וויל אויך אלעס האלטן
ענטפערט ער אים פארוואס

פון דיין שפאלטן איך ווייס
דו דארפסט נישט זיין בייז
דארפסט דיך נאר מיט דעם
גאר רימען

טוה נאר באמערקן
און זעה דיינע ווערקן
אויף דיין זייט וואקסט שיינע בלומען

יארן איך פלעג
אויף דיין זייט פון וועג
איינזייען קערעלעך

געהאט אינזינען
פון דיר וועט רינען
וועסט עס באוואסערן ערליך

***מיט צרות באטראפן***
***פארליר נישט דיין האפן***
***אפילו דו טראגסט עס נישט איבער***

***קוק נאר אויף דיין זייט***
***פארשטייט מען די פשט***
***אז אלץ האט א סיבה***

***דיינע געוויינען***
***ווייל דו טוסט מיינען***
***אז צרות האסטו געליטן***

***קוק נאר אויף דיין זייט***
***אלץ האט א פשט***
***אלעס איז נאר צום גוטן***

גארנישט איז נישט אומזיסט
די שפאלטענעס האבן דו מוזט
א חשבון א קלארן
האט דיין חסרון
זיי פריילך די וועג וואס דו ביסט

דיין צער דיין ביטערניש
דעקט שיין דיין שבת טיש
מיט אלע קאלירן
טוסטו עס באצירן
בלומעלעך שיין און פריש

מ׳מוטשעט זיך מ׳טוט זיך פלאגן
די מצב זעהט אויס אזוי שווארץ
מ׳טוט וויינען און קלאגן
מיט א צובראכענע הארץ

מ׳גייט דורך א ביטערען גיהנום
צרות נאר ביי מיר פארהאן איז
פארוואס גייט נאר אזוי גוט ביי יענעם
צום הימל האט מען טענות

מ׳איז אינגאנצן פארצער׳ט
אויף א ישועה מ׳ווארט

אזוי אנגיין טעגליך
איז ממש אוממעגליך
אבער אליין זיך מ׳נארט

מ׳געט עס אביסעלע צייט
זעהט וואס מ׳האט געהאט
ס׳איז דא אלע מיני
די גראז איז נישט גרינער
אויף די אנדערע זייט

פון דיין צרות איך ווייס
דו דארפסט נישט זיין בייז
דארפסט דיך נאר מיט דעם
גאר רימען

טוה נאר באמערקן
און זעה דיינע ווערקן
אויף דיין זייט,
וואקסט אויך שיינע בלומען

זיי נישט געפאלן
ווייל די זון שטראלן
אויך אויף דיר עס שיינט

קוק נישט אויף דיין שכן
האב נאר בטחון
אלעס איז גוט אויסגעפלאנט

***מיט צרות באטראפן***
***פארליר נישט קיין האפן***
***אפילו די טראגסט עס נישט איבער***

***קוק נאר אויף דיין זייט***
***פארשטייט מען די פשט***
***אז אלץ האט דאך א סיבה***

***דיינע געוויינען***
***ווייל דו טוסט מיינען***
***אז צרות האסטו געליטן***

***קוק נאר אויף דיין זייט***
***אלץ האט א פשט***
***אלעס איז גאר צום גוטן***

דו וועסט דיך נאר איבערצייגן
א תפקיד האט יעדער אן אייגן
וואס דו מיינסט איז חסרונות
איז גאר כשרונות
דו דארפסט נאר פון דעם שטייגן

אפילו דו ביזט עס נישט משיג
דיין לעבן איז נאר פאר דיר פאסיג
לטובה טוה קלערן
וויש אפ דיינע טרערן
***אידעל׳ע זיי דיך מחזק!***





CAN YOU SEE ME NOW?






MS Optical

A FRAME FOR EVERY FACE.

**5202 16th Avenue**
**Brooklyn, NY 11204**

Tel. 718.436.5900

**לחן:** ישראלי גרין • **חרוזים:** ליפא שמעלצער

# זארג נישט ר' איד

## 11

אינוועסטעד געלט אין בילדינג בלאקס
***<u>דעסטעני טרעוועל</u>*** גוטע סטאקס
אין דער ערד קען אלעס גיין א פייף
נישט מעגליך זאגען יעדן סארט
עפל מייקראסאפט ענדרויד
שנעל ארויס ציען פון דעם איך דארף

ריעל עסטעיט איך האב געקויפט
דריי קליינע דירות אין א הויף
שוין צוויי חדשים ליידיג נאך שטייט
א ניי געשעפט אין שניצלערס-האב
קונים נאך נישט פיל איך האב
איך מיין איך דארף פארקויפען שנעל דאס קלייט

עקאנעמי, איז זייער שווער
דאס לעבן הייבט מיר אן קאסטן נאך מער
וואס וועט זיין דא, פרעג איך ווער ווייסט ווער
שוין איבער א וואך פון ווען מיין קעשענע איז לער
אין מיין דמיון איך זעה א גרויסן בער
די גראסערי נישט אויפשרייבען וועט ער

וואס וועט זיין דא פרעג איך ווער ווייסט ווער
שוין איבער וואך פון ווען מיין קעשענע איז לער
געלט פון וואו נעם איך, טאג און נאכט איך קלער
די גראסערי נישט אויפשרייבען וועט ער

די גאלד און זילבער, די דאלער די יורא, גאר נידריג איז,
אויך יעדע שער
אזוי די נייעס איך הער

***זארג זיך נישט זארג זיך נישט ר' איד***
***גיט א קוק אויף צוריק צעהן יאר וואס עס האט פאסירט***
***א קליינטשיגער סטאק***
***זיך צעוואקסן געשמאק***
***גאר אומזיסט געזארגט און שפעקולירט***

***אביסל געדולד, טוישט דאך גארנישט דעם בילד***
***גאר אומזיסט גע'דאגה'ט און פארפירט***

***זארג דיך נישט זארג דיך נישט ר' איד***
***גיט א קוק אויף צוריק צעהן יאר וואס עס האט פאסירט***
***א קליינטשיגער סטאק, זיך צעוואקסען געשמאק***
***גאר אומזיסט געזארגט און שפעקולירט***

***דאס קורצע געדולד, טוישט דאך גארנישט דעם בילד***
***גאר אומזיסט גע'דאגה'ט און פארפירט***

מען לעבט אין א סאסייעטי
פון נערוון מיט ענקזייעטי
מ'מיינט מען גייט אראפ פון זין
די גרויסע וועלט געווארן קליין
יעדער האלט מיט אלעס איין
גרויסע גליק קומט נישט ארויס דערפון

וואו שטורעמען גיסט, און וואו איז וויסט
ווער רעדט נאך פון די "מידעל איסט"
אלעס טוט פיל מיט שרעק אנזייען
דער פחד אליינס און מורא האבען
וויפיל האט דאס שוין באגראבען
נאר דער ערד קען דאס אויסשרייען

פרנסה זארג, שידוכים גאר שווער
מחלות ליידער היינט הערט מען מער און מער
וואס וועט זיין דא פרעג איך ווער ווייסט ווער
צו בין איך נעקסט אין ליין,
מיט שרעק אזוי פיל מאל איך קלער
מען גייט צום דאקטער, מ'מאכט א גאנצע בער
ער זאגט ס'איז גארנישט, הע, וואס ווייסט ער

וואס וועט זיין דא פרעג איך ווער ווייסט ווער
צו בין איך נעקסט אין ליין,
אזוי פיל מאל מיט שרעק איך קלער
מען גייט צום דאקטער, מ'מאכט א גאנצע בער
ער זאגט סאיז גארנישט, אוי, וואס ווייסט ער

די הענט און פיס, די רוקען, די אויגן, די אויערן,
מיין ווייטאגען אן קיין אויפהער, ביינאכט קולות איך הער

***זארג דיך נישט זארג דיך נישט ר' איד***
***אמאל זעהט אויס ווי דאס ערגסטע האט פאסירט***
***אבער פונקט ווי א סטאק***
***וואס קען וואקסען געשמאק***
***כאטש טאג טעגליך אנדערש מען שפעקולירט***

***נישט זיין אנגעזעצט, נישט קוקען אויף יעצט***
***ווייל סוף ווערט אלץ צום גוטען אויסגעפירט***

***זארג דיך נישט זארג דיך נישט ר' איד***
***אמאל זעהט אויס ווי דאס ערגסטע האט פאסירט***
***אבער פונקט ווי א סטאק, וואס קען וואקסן געשמאק***
***כאטש טאג טעגליך אנדערש מען שפעקולירט***

***נישט זיין אנגעזעצט, נישט קוקען אויף יעצט***
***ווייל סוף ווערט אלץ צום גוטען אויסגעפירט***




Destiny Travel
Service To The Skies

4415-13th Ave • 718.831.7500
sales@destinytravelcorp.com
www.destinytravelcorp.com



Bad Memories?
We hide them in the blind spot
Eli Berger
1555 60 Street
Brooklyn, NY 11219
T: 718-337-2000
F: 718-483-9600
Recognized By all Major Insurance Companies
PERFECT
AUTO COLLISION


World Class Quality Healthcare
AROUND THE CORNER CONVENIENCE
GO 212.444.9949
1312-38th St.
718.686.7600
EZRA medical center
Centered On You!
SCHOOL BASED DENTAL
WOMEN'S HEALTH
DERMATOLOGY
PODIATRY
INTERNAL MEDICINE
DENTISTRY
PEDIATRICS
OPTOMETRY



The Taste Says
Wait Six Hours,
The Ingredients Say
Enjoy After Steak!
The "Cream Of The Crop" In Non Dairy Ice Cream
KLEIN'S
כשר
Real Kosher
The First Family of Fine Ice Cream